# דעם רבינ'ס ליכט

נשא תשפ"ד
גליון 194



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך גיטאן (שיהרו"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## כְּשֶׁאַתְּ רוֹצָה - וֶוען דוּ ווילסְט!

מיר שְׁטייען נאָך אין די וואָך פון קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אַשְׁרֵינוּ וואס מיר האָבן זוכה געווען צו באַקומען אַזאַ הייליגע לעבעדיגע תּוֹרָה, דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאָלן גוט געדענקען יעדן איינציגן טאָג דער הייליגער מַעֲמָד, אַזוי ווי די תּוֹרָה וואָרנט אונז אָן: " רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ   יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב (דְּבָרִים ד, ט).

דאָס איז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פון די תּוֹרָה צו געדענקען יעדן טאָג דעם 'מַעֲמַד-הַר-סִינַי', און דער עִיקָּר איז זיך גאָר שְׁטאַרק צו פְרייען אַז דער אויבערשטער האט אונז אויסדערוועלט פון אַלע פעלקער און געגעבן זיין הייליגע תּוֹרָה, אַזוי ווי מען מאַכט די בְּרָכָה יעדן צופְרי ביי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה. מען דאַרף טאַקע מאַכן די בְּרָכָה מיט שִׂמְחָה אַזוי ווי עס ווערט געבְּרענגט אין מִשְׁנָה בְּרוּרָה (סִימָן מ"ז סְעִיף קָטָן ב').

די וואָך אין די פַּרְשָׁה פאַרציילט אונז די הייליגע תּוֹרָה אַז רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן האט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ געענדיגט אויפשטעלן די מִשְׁכָּן און איר געזאַלבט און געהייליגט. וואס האָבן געטון די צְוועלף נְשִׂיאִים? זיי האָבן געטְרַאכט וויאַזוי קענען מיר אַרויסבְּרענגען אונזער געוואַלדיגע שִׂמְחָה ווען מען זעט שוין ענדְלִיך ווי מען שְׁטעלט אויף די מִשְׁכָּן, מיט וואס קענען מיר מאַכן

אַ נַחַת רוּחַ פאַרן אויבערשטן אין דעם גְרויסן הייליגן טאָג? ביז זיי האָבן אָפּגעמאַכט צו בְּרענגען קָרְבָּנוֹת, אָבער אַזעלכע קָרְבָּנוֹת וואס געווענְדְלִיך בְּרענגט מען דאָס נִישְׁט פאַר אַ קָרְבָּן נְדָבָה, ווי לְמָשָׁל קְטֹרֶת, אַ קָרְבָּן חַטָּאת. אַזוי אויך האָבן זיי געבְּרענגט כְּלֵי שָׁרֵת, וועגענער, שִׁיסְלען, לעפלעך, בעקן א.א.וו.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האט נִישְׁט געוואוסט אויב דאָס איז דער רָצוֹן פון אויבערשטן צו נעמען פון זיי די אַלע זאַכן, ביז דער אויבערשטער האט אים געזאָגט: "קַח מֵאִתָּם וְהָיוּ לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד... (בְּמִדְבָּר ז, ה).

דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע זאַך וויאַזוי האָבן אַלע נְשִׂיאִים אויפאיינמאָל געטְרַאכט צו בְּרענגען די זעלבע זאַכן ווי לְמָשָׁל עֶגְלַת בָּקָר - אַ וואָגן וואס אויף דעם זאָל מען אַנְלאָדענען די מִשְׁכָּן? דער מִדְרָשׁ רַבָּה (שִׁיר הַשִּׁירִים פֶּרֶק ו' י') פְּרעגט טאַקע די שְׁאֵלָה, אויפן פָּסוּק "יָפָה אַתְּ כְּתִרְצָה", כְּתִרְצָה איז נוֹטָרִיקוֹן = כְּשֶׁאַתְּ רוֹצָה - וֶוען דוּ ווילסְט!

זאָגט דער מִדְרָשׁ: וֶוען דוּ ווילסְט בֶּאֱמֶת דינען דעם אויבערשטן, זאָלסְטוּ בענקען און גְלוּסְטן צו טון רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ! און רַבִּי נָתָן שְׁרייבְּט: "לייג צו הַאֶרְץ צו יעדעס וואָרט וואס שְׁטייט אין דער הייליגער לָשׁוֹן פון מִדְרָשׁ ווי שְׁטאַרק עס ווערט דאָרט אַרויסגעבְּרענגט די געוואַלדיגע מַעֲלָה פון אַ הייליגע רָצוֹן פון אַ אידיש

המשך פון זייט 1

קִינְד, אוּן אוֹיבּ יֶעדֶער אִיד וֶועט אַזוֹי בֶּענְקֶען אוּן דָארְשְׁטְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַרוֹיסְצוּזָאגְן זַיינֶע כִּסוּפִין מִיטְן מוֹיל, וֶועט אִים דֶער רָצוֹן אַלֵיין מוֹדִיעַ זַיין וָואס צוּ טוּן! וִויאַזוֹי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאְרן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט טַאקֶע אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (שִׂיחָה נ"א) וֶוער קֶען טַאקֶע דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער? וֶוער עֶס וֵוייסְט נָאר אַבִּיסְל פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס גְרוֹיסְקֵייט, קֶען דֶען אֵיינֶער זָאגְן אָדֶער זִיךְ בַּארִימֶען אַז עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַ מַלְאַךְ אָדֶער אַ שָׂרָף קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארִימֶען אַז עֶר קֶען דִינֶען רִיכְטִיג דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

נָאר וָואס דֶען? דֶער עִיקָר אִיז אַז אִיד זָאל הָאבְּן רְצוֹנוֹת - אַ שְׁטַארְקֶע וִוילְן צוּ טוּן דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַיי אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ רָצוֹן צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז אָבֶּער פַארְהַאן אַסַאךְ חִילוּקִים וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל, אֲפִילוּ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער אִיז דָא חִילוּקִים יֶעדְן שָׁעָה הָאט עֶר אַנְדֶערֶע רְצוֹנוֹת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג זוֹכֶה זַיין זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אַרוֹיסְזָאגְן אוּנְזֶער וִוילְן אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן מִיט אַ פוּלֶע מוֹיל, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן וִוי דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם אִיז אוּן דֶער רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּיז דִי וֶועלְט וֶועט קוּמֶען צוּ תִּיקוּן בִּשְׁלֵמוּת בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.


טייערע קינדער
פון מפיצים

איר זענט איינגעלאדנט
מיטצוטיילן אייערע / עלטערנס
הפצה געשיכטע, אדער סיי
וואסערע סיפור איבער הפצה.

ביטע זיך פארבינדן אויפן טעל-
ליין און לאזן א מעסעדש אויף
קנעפל 7.



טַייעֶרע קִינְדֶער דִי וָואךְ הָאבְּן עֶנְק זִיכֶער גֶעלֶערְנְט וֶועגְן אַ נָזִיר, וָואס עֶר שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן טְרִינְקֶען וַויין, אֵיינֶע פוּן דִי סִבּוֹת אִיז וַוייל אַ נָזִיר וִויל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קַיין שִׁכְרוּת אוּן רֶעדְן אָדֶער זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי מֶען דַארְף נִישְׁט, דֶערִיבֶּער שֵׁיידְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן אַלֶעס אַרוּם וַויין.

לָאמִיר טַאקֶע זֶען וָואס הָרַב הֶחָסִיד ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ״ל דֶערְצֵיילְט וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אִיבֶּער דֶער עִנְיָן פוּן טְרִינְקֶען וַויין.

״רֶבִּי נָתָן הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט: ״פְּרִיעֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי גְדוֹלִים - מֶען הָאט גֶעטְרוּנְקֶען עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקַייט - אוּן גֶערֶעדְט אַסַאךְ דִיבּוּרִים צוּם סוֹף אִיז גֶעוָוארְן דִי דִיבּוּרִים וֵוינִיגֶער - אוּן טְרִינְקֶען מֶערֶער״.

דָאס מֵיינְט אַז וֶוען חֲסִידִים פְלֶעגְט זִיךְ צַאמְקוּמֶען בַּיי אַ חֲבוּרָה, אַ שְׁמוּעֶס אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם פְלֶעגְט מֶען רֶעדְן אַסַאךְ רֵייד פוּן עֲבוֹדַת הַשֵׁם אוּן אוֹיךְ הָאט מֶען צוּגֶעטְרִינְקֶען אַ קְלֵיין גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן אָדֶער וַויין צוּ מַאכְן אַ לְחַיִים, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען זִיךְ גֶענוּמֶען מֶער צוּם טְרִינְק אוּן דִי רֵייד בַּיי דִי שְׁמוּעֶסְן זֶענֶען גֶעוָוארְן וֵוינִיגֶער.

אוּן טַאקֶע בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט נָאךְ פוּן ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ״ל פְלֶעגְט מֶען גֶעבְן טֵי אַנְשְׁטָאט בְּרוֹינְפְן.



וִוי בַּאוואוּסְט אִיז ר׳ נָתָן ׳ס פָּנִים גֶעוֶוען אַ לֶעכְטִיג פָּנִים אוּן אַבִּיסְל רוֹיטְלִיךְ. הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי מִתְנַגְדִים, דָאס אִיז דֶערְפַאר וַוייל עֶר טְרִינְקְט בְּרוֹינְפְן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט:

״בָּרוּךְ הַשֵׁם, מִיר מִיט אוּנְזֶער תַּמְ׳ס מַשְׁקֶה קֶענֶען מִיר נִישְׁט זַיין שִׁכּוֹר! ״דֶעם תַּמְ׳ס מַשְׁקֶה אִיז וַואסֶער - דֶער בִּיר אִיז וַואסֶער, מֶעד אִיז וַואסֶער .״ מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין שִׁכּוֹר.״

אַמָאל שִׂמְחַת תּוֹרָה הָאט ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעטְרוּנְקֶען אַבִּיסְל צוּ פִיל, אִיז עֶר גֶעפַאלְן רֶבִּי נָתָן׳ען צוּ דִי

פִּיס, עֶר הָאט אִים גֶעקוּשְׁט דִי פִּיס און גֶעזָאגְט: ״אִיר זֶענְט אוּנְז מְחַיֶה, אִיר דֶער קְוויקְט אוּנְז!״ - עֶר הָאט מִיט דִי רֵייד אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיין לִיבְּשַׁאפְט צו ר׳ נָתָן, און רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁווִיגְן.

צוּמָארְגְנְס הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט: **״נַחְמָן, גֶעדֶענְקְסְטוּ וָואס דוּ הָאסְט נֶעכְטְן גֶעזָאגְט?״** זָאגְט ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: **״אִיךְ זָאג הַיינְט אוֹיךְ אַזוֹי״** . הָאט ר׳ נָתָן אִים גֶעזָאגְט: **״דָאס שִׁכְרוּת אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר פּוּרִים״**. [אֲפִילוּ עֶס אִיז פַּארְהַאן אַזֶעלְכֶע וָואס טְרִינְקֶען שִׂמְחַת תּוֹרָה, הָאט ר׳ נָתָן אִים אוֹיפְגֶעמֶערְקְט אַז נֵיין, דָאס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר פּוּרִים].״

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, טְרָאץ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שַׁיָּיךְ פַּאר קִינְדֶער, דַארְף מֶען דָאס אָבֶּער לֶערְנֶען אִינְגֶערְהַייט עֶס זָאל אוּנְז לִיגְן אִין דִי בְּלוּט.

מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אַ טָאג נָאךְ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אִין דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק פוּן אֵיין מִצְוָה צוּ דֶער צְווייטֶער, אַלֶע מִצְוֹת זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן מִפִּי ה׳, עֶס אִיז מִפִּי הַגְּבוּרָה! אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אוֹיב עֶס אִיז אַרוֹיס מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ - פוּנֶעם רֶבִּי׳נְס הֵיילִיגְן מוֹיל - אַז מְ׳זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן, נִישְׁט שְׁמֶעקְן טַאבִּיק, נִישְׁט



טְרִינְקֶען אַ גַאנְץ יָאר קַיין טְרִינְקֶען וָואס מַאכְט שִׁכּוֹר - אִיז דָאס ׳הֵיילִיג׳, אִיז דָאס ׳תּוֹרַת מֹשֶׁה׳! דָאס אִיז ׳תּוֹרַת מֹשֶׁה׳! נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם גְרִינְגְקַייט, מַאךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם הַנָּחָה!! מֶען פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז מֶען הָאט אַ נִסָּיוֹן אִין דִי זַאכְן דַארְף מֶען זֵייעֶר מִתְפַּלֵל זַיין און בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער מֶען זָאל זִיךְ פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אָדֶער אוֹיב מַיינֶע עֶלְטֶערְן טוּעֶן נִישְׁט אַזוֹי, קֶען מֶען מִתְפַּלֵל זַיין אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְן מֶער דִי נִסְיוֹנוֹת און זַיין אֶמֶת׳ע חֲסִידִים וָואס פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

# רֶבִּי אִיךְ דַארְף קִינְדֶער!



אַ גְרוֹיסֶע וָואגְן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דִי שְׁטוּבּ פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַ גְרוּפֶּע יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּזַאמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, אוּן פּוֹעֶלְן אַ יְשׁוּעָה, סְ'אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן, אַז עֶס פְלֶעגְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַ קְבוּצָה אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ יְשׁוּעָה אִין אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ אוּן אַרוּם פָּארְן צוּ אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יֶענֶע צַייט צוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה.

אוֹיךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַזַא חַבוּרָה אִידְן. דֶעם רֶבִּי'נְ'ס נָאמֶען אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְטְ'ס אַבִּיסְל בַּאוואוּסְט גֶעוֶוען, חוּץ פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס פְלֶעגְן קוּמֶען זִיךְ אָנְשֶׁעפְּן מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זֶענֶען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן, זִיךְ אָנְוִוינְטְשְׁן מִיט בְּרָכוֹת פַאר רְפוּאוֹת אָדֶער פַארְשִׁידֶענֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס הָאט זֵיי גֶעפֶעלְט.

אַ עֶרְלִיכֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בִּתְמִימוּת אַזוֹיוִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעלֶערְנְט, אָבֶער אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ הָאט אִים גֶעוֵוייטָאגְט אִין הַארְצְן, שׁוֹין אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן פוּן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער. עֶר מִיט זַיין רֶעבֶּעצִין פְלֶעגְן אַסַאךְ בֶּעטְן רַחֲמִים בַּיים בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל זֵיי שׁוֹין הֶעלְפְן, אָבֶער דִי יְשׁוּעָה אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, וֶוען דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעזֶעהְן דִי גְרוּפֶּע אִינְגֶעלַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ, אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ אוֹיךְ צוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער, זֵיי קוּמֶען פוּן אַזוֹי וַוייט צוּ פָּארְן, אוּן אִיךְ בִּין דָא נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיךְ פַאר מִיר?!

עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיךְ פַאר זִיךְ, אוֹיף ווָאוֹילֶע קִינְדֶער, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע רַעַשׁ וָואס מֶען טוּט אַרוּם דֶעם? דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס שְׁטֵייט: "עִיקָר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִיקִים תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים," דָאס אִיז דֶער עִיקָר! דֶערְפַאר אִיז בֶּעסֶער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּן מִיר אוֹיף דַיין אִידִישְׁקֵייט, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אִין דִי גְלַייכֶע וֶועג,

אַוודְאַי אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיבּ מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער בְּגַשְׁמִיּוּת, דָאס אִיז אַוודְאַי גוּט, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז צוּלֵייגְן דָאס הַארְץ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס זֶענֶען דִי עִיקָר קִינְדֶער וָואס בְּלַייבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף אֵייבִּיג."

דֶער תַּלְמִיד הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי וֶועג פוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועגְן קִינְדֶער.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער, אִיז דֶער תַּלְמִיד וִוידֶער גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶס אִיז נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, צוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, דֶער תַּלְמִיד כָאטְשׁ זַיין וֵוייטָאג, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל, אוּן הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּין וֶועגְן דֶעם. אָבֶּער דֶעמָאלְט'ס אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם תַּלְמִיד אוּן גֶעזָאגְט: "מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן קִינְדֶער!" ד.מ. כָאטְשׁ דֶער עִיקָר אִיז טַאקֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות אִיז אָבֶּער אוֹיךְ גוּט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן קִינְדֶער דּוֹרוֹת יְשָׁרִים מְבֹרָכִים, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: גֵיי בְּרֶענְג מִיר הוּנְדֶערְט רוּבָּל סוּג - אַ גֶעוִויסֶע מַטְבֵּעַ - . דֶער תַּלְמִיד אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן רֶבִּי'ן דָאס גַאנְצֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן אִיז טַאקֶע גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן אִין וֵוייניגֶער וִוי אַ יָאר מִיט אַ לִיכְטִיגֶער קִינְד, דוּרְךְ דִי בְּרָכָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

יא חברים, עס איז שוין צייט צו דאנקן דעם באשעפער אז מיר האבן זוכה געווען אז אונזערע עלטערן זענען געפארן צום הייליגן רבי'ן לעצטע יאר ראש השנה, יעצט ווען מיר ווייטער זוכן די וועג, פארשטייט זיך מיט תפלה.....





הֶמְשֵׁךְ פוּן שָׁבוּעוֹת גִּלָּיוֹן

**אַ שְׁטִיקֶל שְׁפַּאצִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן וואוּ מִיר בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וְויאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוּן אִיז אוּנְז מְחַנֵּךְ צוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.**

● שִׂיחָה כ"ח: ס'אִיז רָאוּי אַז אַ מֶענְטְשׁ ווילַאנְג עֶר לֶעבְּט זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיף יֶענֶע וועלְט קֶענֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער אִין דִי אַלֶע סְפָרִים

● שִׂיחָה כ"ט: דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל לֶערְנֶען "פּוֹסְקִים" צוּ לֶערְנֶען אַלֶע פִיר חֲלָקִים פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְן סֵדֶר, אוֹיבּ מֶען קֶען אִיז בֶּעסֶער מִיט דִי מְפָרְשִׁים אוֹיבּ נִישְׁט זָאל מֶען לְכָל הַפָּחוֹת לֶערְנֶען מִיט בְּאֵר הֵיטֵב.

אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט זָאל מֶען לְכָל הַפָּחוֹת לֶערְנֶען אֵיין סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיפְן סֵדֶר, וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן צַייט זָאל עֶר לֶערְנֶען וַוייטֶער אוֹיפְן סֵדֶר ווי מְ'הָאלְט.

● שִׂיחָה ס"ב: אוֹיבּ דִי מַחֲשָׁבָה אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם צוּ טְרַאכְטְן פוּן אֵיין זַאךְ הָאט עֶס אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ צוּ פּוֹעֶלְ'ן עֶס זָאל טַאקֶע אַזוֹי גֶעשֶׁען - אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר אִין מֹחַ ווִיפִיל עֶר ווִיל אָנְיָאגְן אוּן עֶר וֶועט גְלוֹיבְּן צוּ דֶעם אוּן אַסַאךְ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, וֶועט עֶר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל זַיין אַזוֹי!

● שִׂיחָה ע"ו: דִי הֵיילִיגֶע שִׂיחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע




יְסוֹד אִין דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וְויאַזוֹי אַ אִיד קֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן זְרִיזוּת אוּן נִישְׁט וֶוערְן מְבֻלְבָּל בְּשַׁעַתְ'ן לֶערְנֶען פוּן אֵיין עִנְיָן צוּם צְווייטְן, נָאר בִּפְשִׁיטוּת זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן פְּלַאץ אוּן אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ צוּמָאל אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין צוּ לַאנְג נָאר לֶערְנֶען וַוייטֶער, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט עֶס קְלָאר וֶוערְן שְׁפֶּעטֶער אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט וַוייטֶער בִּזְרִיזוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי דִּבּוּרֵי הַתּוֹרָה כְּסֵדֶר אוּן מֶען וֶועט מִמֵּילָא פַארְשְׁטֵיין. דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט צוּ מְבַלְבֵּל זַיין דֶעם מֹחַ בַּיים אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען צוּ וֶועלְן תֵּיכֶף פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן מְ'פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף נָאר אַרֵיינְלֵייגְן דִי מֹחַ אִינֶעם לֶערְנֶען אוּן וַוייטֶער גֵיין בִּזְרִיזוּת אַזוֹי וֶועט מֶען מִמֵּילָא פַארְשְׁטֵיין!

אַזוֹי קֶען יֶעדֶער אִיד אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען גוּט דִי שִׂיחָה אוּן זֶען ווִיאַזוֹי אִיךְ קֶען פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ אָנְהֵייבְּן בַּאנֵייעֶן מִיט חֵשֶׁק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אָהּ! אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי תּוֹרָה הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אָבֶּער דִי אוֹיפְן פוּן קִיּוּם הַתּוֹרָה הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן!!

"וואוּיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ זִיסְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה,

דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעפוּנֶען (דְהַיְינוּ: דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' וָואס עֶר הָאט עֶס נָאכְגֶעיָאגְט נָאךְ דִי 'בְּהֵמוֹת'): "אַ 'זַאק מִיט בְּרוֹיט'"! אוּן דָאס אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר חָשׁוּב אִין אַ 'מִדְבָּר'.

הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם 'זַאק' אוֹיף דִי 'פְּלֵייצֶעס' – אוּן אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי 'בְּהֵמוֹת'!

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אַ 'מֶענְטְשְׁן' – הָאט עֶר זִיךְ אִין דֶער תְּחִילָה [אָנְהֵייבּ] דֶערְשְׁרָאקְן! – נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, הָאט עֶר אַבִּיסְל הֲנָאָה גֶעהַאט [זִיךְ בַּארוּאִיגְט] – וַוייל עֶר הָאט דָא גֶעפוּנֶען אַ 'מֶענְטְשְׁן'!

הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דֶער 'מֶענְטְשׁ': "וִוי [ווִיאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער"?! הָאט עֶר צוּרִיקְגֶעפְרֶעגְט 'יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן': "וִוי [ווִיאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער"?!

הָאט אִים 'יֶענֶער מֶענְטְשׁ' גֶעעֶנְטְפֶערְט: ""אִיךְ? (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ) – מַיְינֶע 'עֶלְטֶערְן' אוּן מַיְינֶע 'עֶלְטֶערְנְס־עֶלְטֶערְן', זֶענֶען דָא מְגוּדָל גֶעוָוארְן [אוֹיפְגֶעוַואקְסְן] – אָבֶּער דוּ, ווִי [ווִיאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער? ווָארְן אַהֶער, קוּמְט גָאר קֵיין 'מֶענְטְשׁ' נִישְׁט פוּן דֶעם 'יִשּׁוּב'""!

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן! – וָוארְן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין 'מֶענְטְשׁ' נִישְׁט"! – וָוארְן עֶר זָאגְט: "אַז זַיְינֶע 'עֶלְטֶערְן' זֶענֶען דָא מְגוּדָל גֶעוָוארְן [אוֹיפְגֶעוַואקְסְן] – אוּן [אַז] קֵיין 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'יִשּׁוּב' קוּמְט [דָאךְ] גָאר אַהֶער נִישְׁט [אִין 'מִדְבָּר']"!

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין 'מֶענְטְשׁ' נִישְׁט"!

נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן – הָאט עֶר אִים גָארְנִישְׁט גֶעטָאן – אוּן עֶר הָאט אִים מְקָרֵב גֶעוֶועְן! – (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'וַואלְד', הָאט קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט גֶעטָאן, [פַאר] דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ' וָואס עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ דִי 'בְּהֵמוֹת')!

אוּן דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'וַואלְד' הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "וָואס טוּסְטוּ דָא"?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] עֶר יָאגְט נָאךְ דִי 'בְּהֵמוֹת'""!

הָאט זִיךְ דֶער 'מֶענְטְשׁ' צוּ אִים אָנְגֶערוּפְן: "הֶער שׁוֹין אוֹיף נָאכְיָאגְן דַיְינֶע 'עֲווֹנוֹת'! – וָוארְן דָאס אִיז גָאר קֵיין 'בְּהֵמוֹת' נִישְׁט, נָאר דַיְינֶע 'עֲווֹנוֹת' פִירְן עֶס דִיךְ אַזוֹי אַרוּם – 'גֶענוּג שׁוֹין'! דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען דָאס דַיְינִיגֶע (כְּלוֹמַר: דַיין 'שְׁטְרָאף' הָאסְטוּ שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען)! – הַיְינְט [יֶעצְט], הֶער שׁוֹין אוֹיף זֵיי נָאךְ־צוּ־יָאגְן! – קוּם מִיט מִיר, וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ""!

אִיז עֶר מִיט אִים גֶעגַאנְגֶען! – אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, מִיט אִים צוּ רֶעדְן, אוּן צוּ פְרֶעגְן אִים עֶפֶּעס! – וָוארְן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ, טָאמֶער עֶפְנְט עֶר אוֹיף דָאס 'מוֹיל', אוּן [עֶר] וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען! אִיז עֶר אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען!

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט זַיין 'חַבֵר' וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעיָאגְט דָאס 'פֶערְד'! אוּן תֵּיכֶף ווִי [וֶוען] עֶר הָאט אִים דֶערְזֶעהְן – הָאט עֶר אִים תֵּיכֶף אַ ווִינְק גֶעטָאן: "אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט, אוּן זָאלְסְט מִיט אִים גָארְנִישְׁט הַאנְדְלְן – וָוארְן דָאס אִיז גָאר קֵיין 'מֶענְטְשׁ' נִישְׁט""!

אוּן [דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ'] אִיז תֵּיכֶף גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אִים דָאס אַרַיינְגֶערוּימְט אִין 'אוֹיעֶר' אַרַיין: "אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין 'מֶענְטְשׁ' נִישְׁט וְכוּ', כַּנַ"ל [ווִי

אויבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

דֶערְוַוייל הָאט יֶענֶער אַ קוּק גֶעטָאן (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'פֶערְד') – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "[אַז] עֶר [דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ] הָאט אַ 'זַאק מִיט בְּרוֹיט' אוֹיף דִי 'פְּלֵייצֶעס"!

הָאט עֶר אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן: "'בְּרוּדֶער', סְ'אִיז שׁוֹין כַּמָּה טֶעג אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעסְן – גֶעבּ מִיר בְּרוֹיט"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָא אִין דֶער 'מִדְבָּר' הֶעלְפְט קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט – וָוארְן מַיין לֶעבְּן אִיז בִּילְכֶער [פְּרִיעֶר] – אִיךְ בַּאדַארְף דָאס 'בְּרוֹיט' פוּן מַיינֶעט וֶועגְן"! הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן, אוּן עֶר הָאט אִים זַייעֶר גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן, וָואס אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן"!

(נָאר אִין דֶער 'מִדְבָּר', הֶעלְפְט בְּוַודַּאי קַיין שׁוּם גָאבּ [הַאנְדְל] נִישְׁט פַאר בְּרוֹיט)! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס קֶענְסְטוּ מִיר גֶעבְּן פַאר 'בְּרוֹיט' אִין דֶער 'מִדְבָּר'"?!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'פֶערְד', וָואס עֶר הָאט עֶס גֶעבֶּעטְן דָאס 'בְּרוֹיט' – הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דִי 'בְּהֵמוֹת', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער 'אֱמֶת'ער 'בֶּן־מֶלֶךְ'): "אִיךְ גֶעבּ מִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק – אִיךְ פַארְקוֹיף מִיךְ צוּ דִיר פַאר אַ 'קְנֶעכְט', פַאר דֶעם 'בְּרוֹיט'"!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דִי 'בְּהֵמוֹת' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]): "קוֹיפְן [אוֹיף אָפְּצוּקוֹיפְן] אַ 'מֶענְטְשְׁן', אִיז כְּדַאי אִים צוּ גֶעבְּן בְּרוֹיט"!

הָאט עֶר אִים גֶעקוֹיפְט פַאר אַ 'אֵייבִּיגְן קְנֶעכְט'!

אוּן עֶר [דֶער מֶענְטְשׁ' פוּן דִי 'פֶערְד'] הָאט אִים גֶעשְׁווָאוִירְן מִיט 'שְׁבוּעוֹת': "אַז עֶר זָאל [וֶועט] אִים זַיין אַ 'אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט', אֲפִילוּ אַז [וֶוען] זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אִין 'יִשׁוּב' אַרַיין"!

"אוּן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן 'בְּרוֹיט' – דְהַיְינוּ: זֵיי זָאלְן בֵּיידֶע עֶסְן פוּן דֶעם 'זַאק בְּרוֹיט' – בִּיז סְ'וֶועט אוֹיסְגֵיין [דִי 'בְּרוֹיט']"! אוּן זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם – אוּן זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'וַואלְד'!

אוּן דֶער 'קְנֶעכְט' אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען! (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'פֶערְד' וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ 'קְנֶעכְט', אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דִי 'בְּהֵמוֹת' – וָוארְן עֶר אִיז שׁוֹין זַיין 'קְנֶעכְט' גֶעוֶוען – אוּן זֵיי בֵּיידֶע, זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'וַואלְד')!

אוּן דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אִים [דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ'] אַבִּיסְל גְרִינְגֶער גֶעוָוארְן (מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט גֶעהַאט שׁוֹין אַ 'קְנֶעכְט) – אַז [וֶוען] עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן עֶפֶּעס אַ זַאךְ, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ טוּהְן – הָאט עֶר גֶעהֵייסְן זַיין קְנֶעכְט': "אַז עֶר זָאל עֶס אִים אוֹיפְהֵייבְּן, אָדֶער עֶפֶּעס [אַנְדֶערְשׁ] טוּהְן"!

אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'וַואלְד'! זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ אָרְט – וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען 'נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים' (דְהַיְינוּ: 'שְׁלֶענְג' אוּן עֶגְדִיסְן')! הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקְן!

אוּן מַחֲמַת פַּחַד – הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'וַואלְד': "וְוִיאַזוֹי וֶועלְן מִיר דָא אַרִיבֶּערְגֵיין"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֶלָא־מַאי וְוִיאַזוֹי

ווָעסְטוּ אַרַיין אִין מַיין 'שְׁטוּבּ'?! – אוּן הָאט אִים גֶעווִיזְן זַיין 'שְׁטוּבּ', ווִי [ווִיאַזוֹי] זִי שְׁטֵייט אִין דֶער 'לוּפְטְן'"! זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים (דְהַיְינוּ: מִיט דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'וַואלְד') – אוּן עֶר הָאט זֵיי 'בְּשָׁלוֹם' אִיבֶּערְגֶעפִירְט [אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט] – אוּן עֶר הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט [אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט] אִין זַיין 'שְׁטוּבּ' אַרַיין – אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן 'עֶסְן' אוּן 'טְרִינְקְן' – אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

אוּן 'דֶער' (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן־מֶלֶךְ' ווָאס עֶר הָאט דִי 'בְּהֵמוֹת' גֶעטְרִיבְּן) – הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְט [בַּאדִינְט] מִיט זַיין 'קְנֶעכְט', [אַלֶעס] ווָאס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט!

הָאט עֶס דֶעם 'קְנֶעכְט' זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן: "ווָאס [פַארְווָאס] עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ 'קְנֶעכְט' – פוּן [צוּלִיבּ] 'אֵיין שָׁעָה' ווֶעגְן, ווָאס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט 'בְּרוֹיט' צוּ 'עֶסְן' – ווָארְן הַיינְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין ווָאס צוּ 'עֶסְן' – אוּן נָאר פוּן [צוּלִיבּ] 'אֵיין שָׁעָה' ווֶעגְן, זָאל עֶר זַיין אַ 'אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט'"?!

אוּן עֶר הָאט אַ גְרוֹיסְן 'זִיפְץ' גֶעטָאן: "צוּ ווָאס [ווֶעלְכֶער מַצָּב] אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען, אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ 'קְנֶעכְט'"?! הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן־מֶלֶךְ' ווָאס עֶר אִיז זַיין 'הַאר' גֶעווֶען, הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט): "ווָאסְפַארַא 'גְדוּלָּה' [גְרוֹיסְקֵייט] הָאסְטוּ עֶס גֶעהַאט, אַז דוּ זִיפְצְסְט: 'ווָאס [פַארְווָאס] דוּ בִּיזְט דֶערְצוּ גֶעקוּמֶען'"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּן הָאט אִים דֶערְצֵיילְט: בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר אִיז גֶעווֶען אַ 'מֶלֶךְ' – הָאט מֶען [אוּן מֶען הָאט] אוֹיף אִים גֶעזָאגְט: 'אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גֶעווָארְן' וְכוּ', כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – (ווָארְן דֶער 'מֶענְטְשׁ' פוּן דֶעם 'פֶערְד' – דָאס אִיז טַאקֶע גֶעווֶען דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'מֶלֶךְ' אַלֵיין – ווָאס צוּם 'אֱמֶת', אִיז עֶר גֶעווֶען דֶער 'בֶּן־הַשִּׁפְחָה') – הָאט עֶר [אוּן אַז עֶר הָאט] פַארְטְרִיבְּן זַיין 'חָבֵר' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'אֱמֶת'ן בֶּן־מֶלֶךְ')!

אַמָאל אִיז אִים גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער 'דֵעָה' [גֶעדַאנְק]: "אַז עֶר הָאט נִישְׁט רֶעכְט [רִיכְטִיג גֶעטָאן]"! – אוּן עֶר הָאט 'חֲרָטָה' גֶעהַאט וְכוּ'! פְלֶעגְט אִים קוּמֶען אִינְזִין [אוֹיפְן גֶעדַאנְק] אַלְץ [אַלֶעמָאל], 'חֲרָטוֹת' תָּמִיד – אוֹיף דֶעם 'מַעֲשֶׂה־רַע', אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער 'עַוְלָה', ווָאס עֶר הָאט אַקֶעגְן זַיין 'חָבֵר' גֶעטָאן!

אַמָאל הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמְ'ט: "אַז זַיין תִּיקוּן אִיז: אַז עֶר זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי 'מְלוּכָה', אוּן עֶר זָאל גֵיין וואוּהִין דִי 'אוֹיגְן' ווֶעלְן אִים טְרָאגְן – אוּן דֶערְמִיט ווֶעט עֶר פַארְרֶעכְטְן זַיין 'חֵטְא'"!

הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעווָאלְט טָאן – נָאר ס'פְלֶעגְן אִים מְבַלְבֵּל זַיין תָּמִיד, דִי דָאזִיגֶע 'חֲלוֹמוֹת': "אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן"! בִּיז ס'אִיז בַּיי אִים גֶעבְּלִיבְּן אִין דֶער 'דֵעָה' [גֶעדַאנְק]: "אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן"!

אוּן עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעווָארְפְן דִי 'מְלוּכָה' – אוּן [עֶר] אִיז גֶעגַאנְגֶען, וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען! אוּן הַיינְט זָאל עֶר זַיין אַ 'קְנֶעכְט'?!

אוּן 'דֶער' – הֶערְט דָאס אַלְץ אוּן שְׁווַייגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן־מֶלֶךְ' ווָאס עֶר הָאט גֶעטְרִיבְּן 'בְּהֵמוֹת' – הָאט דָאס אַלְץ אוֹיסְגֶעהֶערְט ווָאס דֶער דֶערְצֵיילְט אִים אַלְץ) – אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "אִיךְ ווֶעל שׁוֹין ווִיסְן ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִיר"!

נאמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוּוטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (4)

**א. ווער האט געפונען א זאק מיט ברויט?**
- ☐ דער אמת'ער בן המלך
- ☐ דער צווייטער מענטש וואס איז געווען דארטן
- ☐ביידע צוזאמען

**ב. וועמען האט דער אמת'ער בן המלך באגעגנט דארטן?**
- ☐ א מענטש וואס זיינע עלטערן און עלטערנ'ס עלטערן זענען אויפגעוואקסן אין וואלד
- ☐ דער שומר פון וואלד
- ☐ זיין טאטע

**ג. וואס האט דער מענטש אים געענטפערט ווען ער האט געזאגט אז ער יאגט נאך זיינע בהמות?**
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאכן פערד
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאך דיינע עוונות
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאך די בהמות

**ד. פאר וועלכע זאך האט דער אמת'ער בן המלך געגעבן ברויט פאר דער מענטש פון די פערד?**
- ☐ אז ער וועט זיין, זיין קנעכט ביז מ'קומט אין שטאט אריין
- ☐ אז ער וועט זיין, זיין אייביגער קנעכט
- ☐ אז ער וועט אים געבן אסאך געלט

**ה. וואו איז געשטאנען די שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**
- ☐ אויף א בוים
- ☐ אין דער לופט
- ☐ אין הימל

**ו. וויאזוי זענען זיי אריין אין דעם שטוב?**
- ☐ זיי זענען אריין געשפרונגען
- ☐ איינער איז ארויף אויפ'ן אנדערן
- ☐ דער מענטש פון וואלד האט זיי אהין געברענגט

**ז. וואס האט פארדראסן פאר דעם קנעכט?**
- ☐ אז ער האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט פאר איין שעה וואס ער האט געדארפט ברויט
- ☐ פארוואס נישט ער האט געטראפן די ברויט
- ☐ אז די פערד איז אים פארלוירן געווארן

**ח. וואס האט דער קנעכט פארציילט פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ☐ אז ער איז געווען א קעניג און מ'האט אויף אים געזאגט אז ער איז פארביטן, האט ער פארטריבן זיין חבר דער אמת'ער בן המלך
- ☐ אז עס פלעגן קומען אויף אים חרטות פארוואס ער האט פארטריבן זיין חבר און ער האט זיך געחלומ'ט אז זיין תיקון איז אז ער זאל גיין וואו אהין זיינע אויגן טראגן אים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז וועגן מ'האט עבירות מיינט מען אז מ'דארף שווער ארבעטן (נאכלויפן די בהמות)
- ☐ אז מ'דארףווארטן ביז מ'זעהט די ישועה
- ☐ אז איך בין א בן ה_____,א קינד פון דעם_______.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



### טיפער געדאנק

דער בן מלך האט געזאגט אדער געטראכט די ווערטער: "אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִּירְן מִיט דִיר" ?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין מעשה י' בערגיר ועני, און ביי אונזער מעשה "הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען" ?
אין מעשה י' - פיר מאל
אין מעשה י"א זיבן מאל

**געווינער אויף בן המלך ושפחה # 3 איז משפחת ר, ווייסשטיין, ירושלים טעלעפאן *** 6611**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# דעם רבינ'ס משלים



## וֶוער וִויל כָּבוֹד?

אַ גְרוֹיסֶער הַאר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בַּאאַמְטֶער [פָּקִיד] אִין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע שְׁטֶעט וָואס גֶעפִונְט זִיךְ גַאנְץ וַוייט. דֶער בַּאאַמְטֶער הָאט זִיךְ בַּאקְוֶועם גֶעמַאכְט אוֹיף זַיין פָּאסְטְן אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס גַאנְצֶע כָּבוֹד פַאר זִיךְ, דִי עֲרֵלִים אַרוּם אִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ קְנֶעכְט פַארְן הַאר, זַיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז גָאר דֶער הַאר.

וֶוען דִי עֲרֵלִים הָאבְּן גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס אַ טוֹבָה פוּנֶעם בַּאאַמְטֶער, זֶענֶען זֵיי גֶעפַאלְן צוּ זַיינֶע פִיס אוּן אִים גֶעשָׁאנְקֶען פִיל כָּבוֹד, אוּן אִים גֶערוּפְן מִיט אַלֶע סָארְטְן טִיטְלֶען וָואס פַּאסְט פַאר אַ הַאר.

גֶעוֶוען אִיז אֵיינְמָאל וֶוען דֶער הַאר בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ אִיז גֶעקוּמֶען אִין דֶעם שְׁטָאט, דֶער בַּאאַמְטֶער אִיז אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען. הָאט דֶער הַאר מִיט אִים אַרוּמְגֶערֶעדְט אַלֶעס אִיבֶּער זַיין שְׁטָאט, אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶס דֶער הַאר פָארְגֶעוָוארְפְן פַארְן בַּאאַמְטֶער אִיבֶּער דֶעם וָואס דִי עֲרֵלִים טוּעֶן נִישְׁט זֵייעֶר אוֹיפְגַאבְן? הָאט עֶר גֶעלָאזְט רוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי אָפִיצִירְן אוּן דֶער הַאר פְרֶעגְט אִים אִיבֶּער אַלֶע אוֹיפְגַאבְן אִין שְׁטָאט, אָבֶּער דֶער אָפִיצִיר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם הַאר נָאר דֶעם בַּאאַמְטֶער, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעפַאלְן צוּ דִי פִיס פוּנֶעם בַּאאַמְטֶער אוּן אִים צוּגֶעטֵיילְט גְרוֹיס כָּבוֹד וָואס בַּאלַאנְגְט צוּם אֱמֶת פַאר אַ הַאר, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִי שְׁאֵלָה וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס פָּנִים פוּנֶעם בַּאאַמְטֶער אִיז גֶעוָוארְן קָאלִירְט פוּן בּוּשָׁה, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, אִיז דֶען פַארְהַאן אַ גְרֶעסֶערֶע בּוּשָׁה אַז אִין פָארְנְט פוּנֶעם הַאר בַּאקוּמְט עֶר אַזַא גְרוֹיס כָּבוֹד.

✦

דֶער עִיקָר כָּבוֹד אִיז נָאר פוּנֶעם דִּבּוּר, אִיז דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר. וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט טֵיילְן קַיין כָּבוֹד פַאר אַ הַאנְט פוּנֶעם מֶענְטְש, וַוייל אִינֶעם הַאנְט דֶערְקֶענְט מֶען נִישְׁט דָאס גֶעשְׁטֶעל פוּנֶעם מֶענְטְש, אֲפִילוּ דָאס פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְש אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דֶער מַהוּת פוּנֶעם מֶענְטְש וַוייל אַ מַאלְפֶּע [קוֹף] הָאט אוֹיךְ אַ עֶנְלִיכֶע פָּנִים צוּ אַ מֶענְטְש אוּן נָאכְאַלְץ וֶוערְט זִי נִישְׁט פַארֶעכְנְט וִוי אַ גֶדֶר אָדָם.

וִוי קֶען דֶער מֶענְטְש בַּאקוּמֶען זַיין כָּבוֹד? מִיט זַיין דִּבּוּר, מִיט דֶעם אִיז דֶער מֶענְטְש אָפְּגֶעטֵיילְט אוּן גְרֶעסֶער פוּנֶעם בַּעַל חַי. דֶערִיבֶּער אַז דֶער עִיקָר כָּבוֹד לִיגְט אִינֶעם דִּבּוּר, אוּן דֶער דִּבּוּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'הֵיכַל הַמֶּלֶךְ' וַוייל 'הֵיכַל' אִיז בְּגִימַטְרִיָּא 'אד-ני' וָואס דָאס אִיז דֶער דִּבּוּר, דֶערְפַאר וֶוען אֵיינֶער וִויל כָּבוֹד אִיז עֶס וִוי עֶר וִויל נֶעמֶען כָּבוֹד אִין הֵיכַל פוּנֶעם מֶלֶךְ, וָואס קַיין גְרֶעסֶערֶע בִּזָּיוֹן דֶערְפוּן אִיז נִישְׁט פַארְהַאן, וַוייל מִיר וֵוייסְן גַאנְץ גוּט אַז אַ קְנֶעכְט וֶועט זִיךְ זֵייעֶר שֶׁעמֶען וֶוען מֶען טֵיילְט אִים צוּ גְרוֹיס כָּבוֹד פַאר אַ קֶענִיג וִוי מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אוֹיבְן אִין מָשָׁל.

(ליקוטי מוהר"ן קצ"ד)

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמואל יצחק ווייסשטיין
לרגל הולדת הבן למזל טוב

הגליון נתנדב לע"נ
הרה"ח ר' מרדכי ב"ר מנחם ע"ה